

בעזהשי"ת

# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך
סאטמאר קינדערגארטן
וויליאמסבורג

שנה י"ח - גליון 843
זמנים: עש"ק 7:49 – מוצש"ק 9:15

פרשת ראה - פרקי אבות פרק ה'
עש"ק כ"ד מנחם אב שנת תשפ"ו לפ"ק



## "לאמיר ציילן" – צום ריכטיגן ציל – זומער פראגראם
### ב"ה מיר האלטן שוין ביי נומבער "6" און "7" געלערנט די 6'טע און 7'טע רינגעלע,

**דער זומער שפאנט ווייטער, ב"ה מיר האלטן שוין ביי נומבער "6" און "7".** דער "לאמיר ציילן" זומער פראגראם אין פולן שוואונג ב"ה. נאך א וואך נאך א נאמבער מיט א פולן באדייט. מיר האבן ווייטער ממשיך געווען מיט **"לאמיר ציילן" - צום ריכטיגן ציל" - זומער פראגראם** מיר זענען באקאנט געווארן מיט **די זעקסטע און זיבעטע רינגעלע פון די נומערן - נאמבער "6" און "7"**, מיר זענען געווארן גוט באקאנט, מיט נאך צוויי נומבער'ס אזוי אינטערסאנט, מיר הערן, קלערן, און טראכטן נאך און נאך. די **נאמבער'ס "6" און "7"** מיינט פאר אונז זייער אסאך.

**נאך א וואך, נאך א נאמבער, מיט א פולן באדייט. די וואך זענען מיר געווען ב"ה גוט פארנומען ווייל מיר זענען פארנומען מיט 2 נייע נאמבערס .**

**אנפאנג וואך** קומט דער מנהל אריין אין לאנטש רום און פארציילט אונז אז אזוי ווי מיר ווייסן אז עס קען זיין 2 סדרות צוזאמען, מען לערנט אביסל מער און מ'קען גאר 2 סדרות. **אזוי אויך וועלן מיר די וואך לערנען 2 נאמבער'ס און ב"ה מיר ווייסן און קענען אסאך מער ווי מ'מיינט.**

**מען הייבט אן** מיטן **נאמבער** "6" מיט **די 6 משניות** דאס ווערט אזוי געזינגען מיט א שיינעם ניגון, זרעים, מועד, נשים, נזיקין, קדשים, טהרות. דערנאך **די 6 טעג פון די וואך** וואס דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט דאס זינגט מען אויך מיט א ניגון, מ'שמועסט אויס פון די לחם הפנים אויף א יעדע זייט פון דעם הייליגן טיש איז געווען **6 ברויט**, אויך פון די **6 וואלקענעס** ארום די אידן אין מדבר, ווי וואונדערליך איז דארט געווען א יעדע מינוט. די בערג ווערן גראד די שטיינער רוקן זיך די וועש וואקסט מיט. אזוי ווייטער אנדערע זאכןגעבן די קינדער צו נאך און נאך אגאנצע וואך (זעה ביי לאמיר ציילן קינדער ווינקל)

**אויך** הערן מיר פון **די 6 ברכות** וואס מיר זענען גוט באקאנט ווען מיר זעהן שטענדיג די גרויסע סיינס אין חדר פון **די 6 ברכות המוציא, מזונות, העץ, האדמה, שהכל, הגפן.**

> **שבת מברכים חודש אלול**
> **דער מולד וועט זיין קומענדיגן דאנערשטאג**
> **צופרי** פ' שפטים, **15 מינוט נאך 9,**
> **ראש חודש וועט זיין דאנערשטאג און פרייטאג פ' שפטים**

**אזוי ווייטער מיטן נאמבער "7" די 7'טע טאג שבת קודש, די 7'טע שמיטה יאר** וואס איז נאך **די 6 יארן** וואס מ'מעג ארבייטן אין א פעלד, **די 7 אושפיזין** דאס זינגט מען אויך אויף א ניגון, **די 7 לעכט** אויף די מנורה אין בית המקדש, **די 7 ספירה וואכן**, און ספעציעל **די 7 מינים** וואס מיר האבן געלערנט אז פון זיי ברענגט מען ביכורים און מיר זינגען דאס אויך מיט א ניגון, אויך ווייסן מיר גוט וואס מ'מאכט פון א יעדע זאך פון די 7' מינים.... איבער אלעם ווען מיר הערן פון **די 7 הקפות** ווערן מיר גאר פרייליך, **מיר האבן אריין געטאנצן מיט א קליינע תורה'לע אין די האלל אויך האבן מיר א ספעציעלע טאנץ באלאן אין איינע פון די כיתות, און א יעדע כיתה באזונדער קען אריין גיין טאנצן מיט א לעבעדיגקייט, די הקפות ניגונים מיט לעבעדיג מוזיק..** אויך **די 7 ברכות** וואס מ'מאכט ביי א חופה. אזוי נאך און נאך לייגן די קינדער צו א יעדן טאג מיט א שיינע באקאנטשאפטן. (זעה ביי לאמיר ציילן קינדער ווינקל)

**עס איז זייער צום באוואנדערן** אז די קינדער טראכטן און ברענגען נאך זאכן כסדר זעהט'ס אין **"לאמיר ציילן קינדער ווינקל"**. מיר זענען ב"ה זייער גוט פארנומען און מיר לערנען זיך אזויפיל שיינע און נייע זאכן. **יא! ב"ה א וואך אריבער מיט אזויפיל געשמאק...**

## דער שפיל "לכבוד שבת קודש"!

**די וואך ווען מיר האבן געלערנט פון די 6 טעג** האט מען ארום גערעדט אז אין **די 6 טעג** א וואך גרייט מען זיך **"לכבוד שבת"** מען קויפט איין גוטע זאכן אלעס לכבוד שבת. האט מען אויך געמאכט א שיינע **"שבת געים"** ווי מ'קויפן איין די זאכן לכבוד שבת עס איז ארום גערעדט געווארן אין חדר וואס דאס איז **"א דייס"** וואס האט **6 זייטן מיט 6 פינטעלעך** און ווי אזוי מ'שפילט דערמיט, **מיט 2 גייערס**, איין כיתה האט צוזאם געשטעלט א גרויסע **"דייס"** און דאס געוויזן פאר אלע קינדער און ווי אזוי מ'שפילט דערמיט און א יעדע מלמד האט געוויזן און אויפגעשפילט **דעם "לכבוד שבת שפיל"** מיר וועלן דאס זייער שיין שפילן און לעבן מיט שבת א גאנצע וואך.




## יארצייט פון הייליגן רבי'ן זיעועכי"א - פארציילט פאר די קינדער

**אזוי ווי מיר שטייען אין די טעג פון די יומא דהילולא רבה האט מען די וואך פארציילט פאר די קינדער פון אונזער הייליגן רבי'ן זיעועכי"א.**

**מיר האבן געהערט** וואס מען טוט ביי א יארצייט, אנצינדן א ליכט - געבן צדקה - גיין צום ציון הק' מתפלל זיין, לערנען משניות אדער זאגן תהלים לעי"נ, **דער רבוש"ע זאל העלפן מיר זאלן זיך אויסבעטן אלעס גוט'ס בזכותו הגדול .**

**א ווארט צו די חשובע עלטערן שיחיו** עס איז באמת א ריכטיגע און וויכטיגע צייט מתפלל צו זיין ביומא דהילולא קדישא פון רבינו הקדוש זי"ע ועכי"א פאר אונזערע טייערע קינדער'לעך אז מיר זאלן האבן די זכי' מגדל צו זיין אונזערע קינדער אין זיינע הייליגע מוסדות און ווי ער האט געוואלט, א ערליכע חינוך וואס איז זיך מתיחס מדור דור אויף דעם זעלבן וועג וואס מיר האבן ביי אים געלערנט און צוגעזעהן. און דער זעלבער זכות און סייעתא דשמיא וואס האט איהם באגלייט, אויפצושטעלן אזא הייליגער מיליטער פאר הייליגן באשעפער דאס זאל אונז אלע ווייטער באגלייטן **ובזכותו הגדול והקדוש זאל כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א אונז ווייטער**

**מדריך זיין לד' ולתורתו בסייעתא דשמיא אמן.**

**מיר זענען זיכער** אז פונקט אזוי ווי בחיים חיותו האט ער פאר אונז געבעטן אלס שליח ציבור מיט אזויפיל הייסע טרערן, אז די קינדער זאלן אויסוואקסן מיט געזונט און נחת דקדושה, איז ער אויך יעצט מתפלל פאר אונז, ווי ס'שטייט אין די גמ' אז **גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם, וימלא ד' משאלותינו במדה טובה אלע גוטע זאכן רב תענוג ונחת דקדושה מכן יוצ"ח אמן.**

## פארציילט פאר די קינדער

**דער הייליגער רבי רבינו יואל זי"ע** האט שוין אנגעהויבן אלס קינד צו זיין זייער וואויל אינדערהיים האט ער געפאלגט זיין טאטע און מאמע, אין חדר האט ער געפאלגט זיין רבי און האט פלייסיג געלערנט די הייליגע תורה, ער האט זיך אויפגעפירט הייליג ער האט  געזוכט צו טוהן גוטס פאר אנדערע, ליב געהאט א חבר און געוואלט אייביג ארויס העלפן.

**מיר הערן פארשידענע מעשיות** פון אונזער הייליגן רבי'ן זי"ע ווי ער האט שוין אלס קינד געזוכט צו טוהן די מצוה פון צדקה צו העלפן נאך א איד. הערן מיר אז אין יענע צייט ווען די רבי איז געגאנגען אין חדר פלעגן די קינדער אליינס מיט ברענגען דאס עסן אין חדר, מען האט נאכנישט געגעבן דארט קיין פרישטאג מיט מיטאג, איז יעדן טאג פלעגן אלע קינדער מיטברענגען פון שטוב דאס עסן, דער הייליגער רבי איז נאך געווען א אינגל ווי מ'פלעגט איהם רופן **יואל'יש**, האט דער רבי באמערקט אז איין קינד (מעכי) ברענגט נישט קיין עסן, די רבי פרעגט אים, **פארוואס ער האט נישט קיין עסן ?** ווען די רבי איז געוואויר געווארן אז ביי זיי אין שטוב איז נישט דא קיין עסן, האט איהם דער רבי געברענגט יעדן טאג ברויט מיט פיינע עסן אז דער אינגל זאל ווערן פיין זאט. אזוי איז די רבי זיין גאנץ לעבן געווען פארנומען מיט געבן צדקה פאר אנדערע אידן, און אונז אלע אויסגעלערנט שטענדיג צו טוהן א טובה פאר א צווייטן איד.

**אויך הערן מיר די מעשה פון די אייזועלע...** ווי די רבי טראגט זיין נייע אייזועלע צו זיין רבי'ס הויז ווייל זיי האבן נישט קיין סטים און עס איז זייער קאלט **די רבי האט אוועק געגעבן זיינס מיטן גאנצן הארץ**. אזוי הערן מיר און לערנען זיך ווי אזוי א אידיש קינד דארף זיך אויפפירן. זי"ע

**מיר הערן די וויכטיגקייט פון ארויס העלפן די הייליגע מוסדות אין ארץ ישראל וואס נעמען נישט קיין געלט פון די ציונים ווייל מ'טאר נישט נעמען פון זיי גארנישט. זיי לאזן נישט זיין ערליך, זיי פירן זיך נישט אויף לויט די וועגן פון די הייליגע תורה זיי מאכן שלעכטע גזירות אקעגן די ערליכע אידן.**

**מיר פרייען זיך** אז מיר האבן די זכי' ב"ה צו לערנען אין די הייליגע מוסדות אין דעם הייליגן חדר וואס ער האט מייסד געווען, א פלאץ ווי זיך אויסצולערנען צו זיין ערליכע פיינע פרומע אידן, היטן די תורה און מצות מיט איידלקייט און  באשיידן, **מיר האפן און גלייבן אז רבינו הקוה"ט זי"ע טוט זיך מיט אונז שטאלצירן בגנזי מרומים אז מיר גייען אין די ערליכע אויסגעטרעטענע וועגן וואס ער האט אונז געלערנט אלע יארן.**

## א לחיים

**מיר האבן אסאך זאכן געהערט פון א יארצייט** אז אויך פירט מען זיך צו מאכן א לחיים און מיר הערן וואס מ'דארף זיך וואונטשן ביי א לחיים פון א צדיק, עס זאל זיין **"זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל"** די תפילות און די זכותים פון אזא גרויסן טאג זאל אונז ברענגען אלע גוטע ישועות, און רפואות, מיט אסאך ברכות.

**אי"ה קומענדיגן זונטאג אינעם טאג פון די גרויסע יארצייט וועלן מיר מאכן אין חדר א לחיים** א פיינע שטיקל קעיק מיט גרעיפ דזשוס ווי מיר ווייסן וואס מ'דארף זיך וואונטשן ביי א לחיים פון א צדיק, עס זאל זיין **"זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל" די תפילות און די זכותים פון אזא גרויסן טאג זאל אונז ברענגען אלע גוטע ישועות, און רפואות, מיט אסאך ברכות. און מיר ווייסן וויאזוי מ'וואונטשט "לחיים לחיים די נשמה זאל האבן אן עלי', די קראנקע א רפואה, און די געזונטע א ישועה.**

**אויך האבן מיר געהערט** אז אלע טאטעס גייען צום הייליגן ציון ווי מ'זאגט תהילים מ'בעט זיך אויס אז אין זכות פון דעם הייליגן רבי'ן זאלן מיר שוין אלע געהאלפן ווערן יעדער איינער מיט זיין געברויך,

**מ'וועט אי"ה אנצינדן צוויי ליכט און זאגן מיט אונז צוויי קאפיטלעך תהילים לעילוי נשמת רבינו הקדוש רבינו יואל בן חנני' יו"ט זי"ע און מיר וועלן דערביי הויעך מיט זאגן אלע צוזאמען זייער** שיין אלע קינדער וועלן זיך אויסבעטן אז טאטע מאמע זאלן זיין געזונט און שטארק און משיח זאל שוין קומען... מיר הערן אז דאס איז א גרויסער טאג וואס אזויפיל אידן קומען זיך צוזאם ביים ציון הקדוש ווי מ'גיסט זיך אויס דאס הארץ, די תפילות וואס זענען אזוי בוקע רקיעים, און מיר אלע **גלייבן אז בזכותו הגדול וועלן מיר שוין זוכה זיין צו די גרויסע ישועה, וואס כלל ישראלווארט שוין אזוי לאנג ביאת משיח צדקינו בב"א.**

## פועל'ט אויס אלעס גוט'ס... בזכותו הגדול פון אונזער הייליגער רבי רבינו יואל זי"ע - ועכי"א

## קינדערגארטן גרויסע נייעס! מיר ציילן 21 טעג און א טשיקעלע וועט אי"ה זיין

**לאמיר ציילן לאמיר ציילן ביז 21 טעג:** כסדר האלטן מיר מיט ווי די מאשין וואס מ'האט שוין פאר צוויי וואכן צוריק מאנטאג פ' ואתחנן אריין געלייגט אייער אין די מאשין און מיר ציילן 21 טעג וועלן מיר האבן בעזהשי"ת נייע קליינע געסט די טשיקעלעך אין דעם 21'סטע טאג קומענדיגע מאנטאג פ' שופטים ... מיר קענען שוין קוים קויםווארטן. א שיינע גרויסע סיין מיט אייער און נומבערס זעהן מיר אויפן וואנט ווייל מיר אלע צוזאמען ציילן שיין און זעהן כמעט א יעדן טאג ווי אזוי דער גאנצער פרעצעדור גייט. א יעדע כיתה קאלירט אן אנדערן טאג מיט א אנדערע קאליר אזוי האלטן מיר מיט געוואלדיג. מיר קענען אריין גיין באזוכן די מאשין מיר זעהן ווי די אייער דרייען זיך מיין רבי איז אונז מסביר די וואונדערליכקייט ווי עס וועט זיין ווען די טשיקעלע פון די איי וועט ווערן פאר ענדיגט וועלן דאס ארויס טאנצן און מיר וועלן אים גוט קענען זעהן און אפילו שפילן מיט זיי ... מיר ציילן מיט שפאנונג..... אט אט ...




**א יעדעס קינד דארף און וועט אי"ה מצליח זיין צו שטייגן העכער בעז"ה**

## געבן נאך א געלעגנהייט !!

**דער סדר פון שווימען** האט זיך ב"ה אויסגעשטעלט אויפן בעסטן פארנעם וואס קען נאר זיין, מיט נייע שווימען גליטשערס. אויף וואס די קינדער פארברענגען און לעבן אריין ב"ה מיט פיל פיל הנאה, עס איז אבער מעגליך אז אין יעדע כיתה איז נאך דא עטליכע קינדער וואס האבן נאכנישט אזוי הנאה פון דעם שווימען בכלל, (עס איז דא אלע סארט קינדער) אבער אז מען פראבירט רעדן צו זיי און מסביר זיין, **"געבט דאס נאך א געלעגנהייט"** אזוי צוביסלעך ווילן זיי שוין אויך גיין שווימען.

**דעריבער ווילן מיר זייער בעטן** אפילו ווען א קינד זאגט אינדערהיים אז ער וויל נישט גיין שווימען זאל מען פרובירן רעדן צום קינד אז דאס איז זייער א גוטע זאך, און **בעיקר זאל מען מאכן זיכער אז**

**די קינדער האבן די שווים זאכן אין חדר**, אזוי געט מען א געלעגנהייט פארן רבי'ן אויך צו צורעדן דאס קינד יא מיטצוהאלטן דאס שווימען. אזוי זעהן מיר א יעדעס יאר אז אפילו די קינדער וואס אין אנהויב ווילן זיי נאכנישט גיין שווימען, אבער מיט די צייט קומען זיי צום טעם און זיי ווילן שוין יא מיטהאלטן דעם שווימען סדר. **אבער** אויב שיקט מען נישט קיין שווים זאכן און דאס קינד גייט נישט שווימען ווערט שטארק געשטערט די שווימען סדר פון די גאנצע כיתה.

## זייער וויכטיג וועש לעיבלס - טוהן א חסד און אליינס הנאה האבן דערפון

**במשך די זומער וואכן** ווען די קינדער גייען שווימען, און זיי טוהן זיך אויס די וועש, איז <u>אפילו מען האט א לעיבל</u> קען זיך אמאל מאכן אז א קינד פארטוישט זיך מיט א שכן איינע פון זיינע וועש, איז דאס בעסטע זיך אליינס ארויס העלפן איינער דעם אנדערן מיט א חסד.

**ווילן מיר טאקע בעטן** זייער חשוב'ע עלטערן ווען מ'זעהט אז א קינד האט אהיים געברענגט וועש סיי וואס צום ביישפיל א ציצית, אדער א העמד, זאקן, וואס האט א לעיבל מיט א נאמען פון א צווייטן קינד, ביטע טוט א חסד און רופט אן דעם טעל. נומ. און שיקט דאס צוריק צום מלמד מיט א צעטיל אז דאס דארף מען איבער געבן פאר יענעם תלמיד. אזוי וועלן זאכן שנעלער צוריק קומען און נישט ווערן פארלוירן .

**די קינדער טוהן זיך ב"ה מער וויניגער אליינס אן** און עס מאכט זיך אמאל אז ער האט גענומען זיין שכנ'ס א זאך און קיינער קען דאס נישט באמערקן בשעת די גאנצע חדר ארבייט אויפאמאל מיטן זיך אנטוהן אפילו די קינדער האלטן באמת די וועש עקסטער יעדער אין זיין שווים בעג דאך מאכט זיך זייער אפט אז בשעת'ן אנטוהן קען זיך דאס פארמישן מיט א שכן.

**די קינדער** האבן באמת הנאה פונעם שווימען סדר, און אפילו עס קומט נישט אן גרינג פאר א מלמד טוט מען דאס גערן צו די הנאה פון די טייערע קינדער'לעך.

## וויכטיג און פאסיג

**עס איז זייער וויכטיג און פאסיג** יעצט אין די זומער וואכן, אויסצולערנען פאר די קינדער אינדערהיים אביסל זיך אליינס צו קענען אויסטוהן און אנטוהן, יעצט ווען די מלמדים דארפן העלפן צו גיין שווימען איז <u>פיל שווערער ווען א קינד קען זיך נישט אן עצה געבן מיט גארנישט,</u> אין חדר ווייזן די איבערגעגעבענע מלמדים וויאזוי זיך אויסטוהן און אנטוהן מיט א סדר אבער אז מען העלפט דאס אויך צו פון שטוב וועט דאס גיין אסאך גרינגער אי"ה.

**ווען די מלמדים העלפן פאר א קינד מיטן גיין שווימען איז פיל שווערער ווען א קינד קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט גארנישט**

**עלטערן פרעגן:** ווי איז די שווים בעג איך האב געשיקט געלט און מיין קינד ברענגט דאס נישט אהיים? ווילן מיר מעלדן דער סדר איז אז ווען מ'קויפט א שווים בעג בלייבט דאס צום באנוץ אין חדר פאר די קינדער ביים שווימען.

**עס איז נישט וויכטיג** אז די קליינע קינדער זאלן זיך דארפן שלעפן מיט די גרויסע געפעק. עלטערן וועלן באקומען א ספעציעלע מעלדונג פון מלמד אז דאס געלט פון די שווים בעג איז אנגעקומען, און אייער קינד האט ב"ה באקומען א נייע שווים בעג.

**די שווים האנטוך מיט די שווימען וועש, מיטן שווים בעג** וועט מען אהיים שיקן סוף זומער, אויב א קינד פארט אוועק און די עלטערן ווילן מען זאל יא אהיים שיקן אלע שווים זאכן זאל מען שיקן א צעטל צום מלמד א פארלאנג אהיים צו שיקן די שווים זאכן.

## מעלדונג פאר עלטערן איבער דעם פרייטאג און זונטאג באס טויש

**חשוב'ע עלטערן**, מיר האבן אהיים געשיקט אנפאנג זומער א מעלדונג בנוגע דעם פרייטיג און זונטאג באס טויש, עס איז זייער וויכטיג צו וויסן דעם טויש זייער קלאר כדי צו וויסן ווען צו אפווארטן דעם באס פרייטאג און און זונטאג. די אלע קינדער וואס זענען צוריק געקומען די וואך האבן באקומען דעם צעטיל פון די פרייטאג און זונטאג באס רוט און וועלן קענען מיטהאלטן דעם סדר גוט.

**ווי באקאנט יעצט אין די זומער וואכן** פעלן אסאך קינדער פרייטאג און זונטאג און דעריבער האט מען צוזאם געשטעלט די באס רוט'ס. און ב"ה עס ארבייט מיט א סוקסעס <u>די</u> <u>טראנספארטעישן מענעדזשמענט האט אריין געלייגט אסאך כוחות אז אלעס זאל קלאפן עצהיו"ט</u> די טרעקינג סיסטעם און אלעס ארום און עס האט זיך זייער שטארק אנגעזעהן ב"ה.

**מיר ווילן בעטן** זייער חשובע עלטערן מ'קען מיט א קלייניקייט אסאך צוהעלפן. עס איז דא באסעס וואס דארפן ארום פארן מערערע גאסן צוליב איין סטאפ פאר איין אינגל, ספעציעל איז דאס מער ביי די נייע געגענטער. **איז אויב א משפחה ווייסט אז זיי וועלן נישט זיין דא דעם פרייטאג אדער זונטאג** <u>**זאל מען ביטע זאגן פארן באס רבי דאנערשטאג**</u> אזוי וועט דאס אסאך גרינגער מאכן נישט צו דארפן פארן אין די שווערע היצן עקסטערע גאסן עס איז ממש איין קלייניקייט אבער טוט אסאך אויף **מיט פיל דאנק.**

## גוטע אויפטוה האלט אפ אסאך פראבלעמען

**זייער גערעאטן ב"ה דעם טויש איבער די זומער באס פינ'ס**. במשך דעם יאר זענען די באסעס איינגעטיילט <u>לויט קאלירן</u>, און דאס לערנט מען פון די ערשטע זאכן פאר א קינד, ער זאל וויסן אויף וועלכן קאליר באס ער דארף צו גיין.

**דער זומער חדר גייט אנדערש** אזוי ווי אלעס האט א טויש, די כיתות, די מלמדים, די באסעס, מיט זייערע באס ראוט'ס אלעס באקומט א טויש, גייט דאס יעדעס יאר זייער שווער מיט די קינדער אים צו ערקלערן זיין זומער באס קאליר, דעריבער איז איינגעפירט א גוטע זאך ביי די באסעס אז יעדער קאליר האט מיט זיך **א בילד** ספעציעל אזאך וואס דאס קינד פארשטייט זייער גערן.

**אלע קינדער האבן באקומען א שיינע סטיקער אויף זייער באס פין מיטן נייעם בילד ווי אזוי זיין באס ווערט אנגערופן. און אזוי רופט מען דאס אין חדר.**

**מיר וועלן** דא אראפ ברענגען אלע באס קאלירן מיט זייערע נייע נעמען דערצו, כדי אז אויב מ'דארף אמאל טוישן א באס סטאפ פאר א קינד זאל מען וויסן צו ערוואַרטן א נייע בילד

***ברוין - דריידל, * שווארץ - סידור, * בלוי - פייגל, *גרין - חלה, * רויט - פישעלע,**
*** פינק - בלומעלע, *געיל – טשיקעלע, * ווייס – מצה, * גאלד – שופר, *זילבער - בעכער**

## קלארשטעלונג

**צו טוישן א באס סטאפ קען מען נאר ווי פאלגענד: <u>זונטאג</u> = נישט זומער, <u>מאנטאג ביז דאנערשטאג:</u> ביז 2:00 אזייגער, <u>פרייטאג: קען מען נישט מאכן א באס טויש!</u> ביטע נישט זיך פארלאזן צו רופן אין די לעצטע מינוטן, ווי פריער איז בעסער.**

די סיינס פון די 6 ברכות
אויפ'ן וואנט אין חדר




**מען טאנצט און מען שפרינגט לכבוד די לימוד פון נומער 7**
**ווען מיר לערנען וועגן די זיבן הקפות**











הקפות טאג אין חדר... מען טאנצט און מען שפרינגט לכבוד די לימוד פון נומער 7 ווען מיר לערנען וועגן די זיבן הקפות









לאמיר ציילן !!!






א יעדע מינוט מיט הנאה א טאנץ א שפרינג











הקפות טענץ מיט א דערהויבענקייט .. אפגעראכטן אין דעם גרויסן האלל





הערליכע הקפות אגעראכטן געווארן אין חדר לכבוד די לימוד פון נומער 7





ממש ווי אין א שול א טאטע, א רבי, א בחור, און א אינגל.... מ'טאנצט מיט די הייליגע תורה....

















# אפוועגן די האר

ווי עס איז באקאנט דער גרויסע ענין אפצוווגען די האר פון א חאלאקע אינגל און מען גיבט די געלט פאר צדקה. (כמובא בספר מטעמים ערך שערות, וכבר נזכר בשו"ת הרדב"ז ח"ב סי' תר"ח, ועוד) פאר סיי וואס פאר א פראגע איבער די הייליגע סגולה פון אפוועגן די האר פון א חאלאקע אינגל אדער צו באשטעלן די אפוינטמענט

ביטע רופט : הרב משה קאהן שליט"א  929.287.2354

ובזכות הצדקה וועט דער הייליגער באשפעער זיכער העלפן איר זאלט זוכה זיין צו זעהן רב תענוג ונחת דקדושה פון דעם קינד און אלע אייערע קינדער בבריות גופא ומזוני רויחי בשפע רב ובהרחבה גדולה ביז מיר וועלן אלע זוכה זיין בקרוב זיך צו פרייען אינאיינעם בבנין בית הבחירה בביגוא"צ בב"א.

## אויפמערקזאמקייט - להסיר מכשול

עס איז אן איינגעפירטע זאך אין חדר אז יעדעס מאל ווען די קינדער עסן פליישיג'ס פאר מיטאג שיקט מען א מעלדונג פאר די עלטערן סיי א טאג בעפאר און סיי אין דעם טאג וואס די קינדער האבן געגעסן פליישיג, כדי די עלטערן זאלן וויסן און קענען זיין אפגעהיטן מיט די הלכה. עס מאכט זיך אבער אז קינדער לאזן איבער די צעטליך אדער אין חדר אדער אויפן באס.

**מיר לייגן דאס געווענדליך אויך ביי די טעלעפאן נייעס פון יענעם טאג.**

**<u>עס איז כדאי צו וויסן, אז די קינדער האבן פליישיג'ס א יעדן דריטן דינסטאג.</u>**

## וויכטיגע בקשה!!!

**מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען די חשוב'ע עלטערן** אז סיי ווען אימער א קינד קומט צום "**זומער חדר**" אינמיטן זומער, צו דאס איז ווען ער קומט פאר די צווייטע העלפט זומער, אדער פאר עטליכע וואכן אדער אפילו פאר עטליכע טעג, פאר סיי וועלכע סיבה. הייסט דאס קינד "**א נייער אינגל" צום זומער חדר**, און מען קען נישט "**בשום אופן ארויף לייגן אליינס אייער קינד אויפן באס**" נאר מ'דארף אראפ קומען צום מנהל מיט א רעגיסטרעישן קארטל אפגעשמועסט ווען מ'וועט קענען אריין קומען, צו וועלכע כיתה דאס קינד וועט אריין גיין. **און באקומען דעם זומער באס פין מיט די ריכטיגע אינפארמאציע דערויף.**

**דאס איז** אפילו דאס קינד איז שוין דא געווען אנפאנג זומער נאר ער האט געפעלט פאר עטליכע וואכן און ער קומט צוריק. דארף מען זיך פארבינדען צום מנהל אין אפיס איידער מען שיקט דאס קינד אין חדר, צו באשטעטיגן פונקטליך ווי אייער קינד וועט לערנען (ווייל עס קען זיין אמאל אנדערש פון אנפאנג זומער). אזוי וועט מען אריין לייגן אייער קינד אין זיין כיתה באגלייט מיט אחריות.

**אויב שיקט מען א קינד אויף א באס** אן דעם וואס מען זאל אפשמועסן צו וועלכע כיתה דאס קינד וועט גיין, נעמען מיר נישט איבער קיין אחריות אויפן קינד, ווי און ווען, ער וועט ווערן מסודר, אזא קינד קען זיך ארום דרייען אן וויסן ווי צו גיין, ער וועט זוכן זיין כתה פון א גאנץ יאר און אוודאי נישט טרעפן און וועט אנהייבן צו וויינען און מיר וועלן אים אהיים שיקן ווי אמשנעלסטן.

## מיט פיל כבוד און דאנק - דער מנהל

## ווער ליידט דאס מערסטע

**א זומער באס פין** איז געמאכט געווארן צו קענען וויסן די אינפארמאציע פון א קינד אין יעדן פאל. נישט נאר ביים גיין צום באס, נאר אויך אין חדר ווען א קינד מישט זיך אמאל אויף מיט זיין געוואוינהייט און שפאצירט אריין צו זיין קלאס פון א גאנץ יאר, ווי אזוי ווייסט מען וואו אהין מען זאל צו פירן דעם קינד, צום ריכטיגן חדר צו זיין רבי? **<u>נאר מיט די באס פין</u>**. סיי וועלכער מלמד גיבט א קוק אויפן פין און קען העלפן דעם קינד זייער שנעל. **<u>אבער ווען א קינד האט נישט קיין באס פין קען מען איהם נישט העלפן, נישט צו גיין צו זיין קלאס, נישט צו גיין צו זיין באס חדר, און נישט צו זיין באס,</u>** וואס פאסירט דעמאלטס? דאס איז איבעריג צו שרייבן!!

**נאכמער <u>זונטאג</u> און <u>פרייטאג</u>** ווען עס ווערן אמאל צוזאם געשטעלט קלאסן, מיט באסעס, דאס קינד האט אן אנדערן רבי'ן. אז ער האט א באס פין איז אלעס מסודר, און אז נישט? ליידט ער אליינס

**דער זומער חדר פין אליינס** איז נישט גענוג אויף צו וויסן אויף וועלכער באס דאס קינד דארף גיין..

**מאמי! פליז טוה אן מיין באס פין אויף מיר, יעדן איינציגן טאג!!**

**מאכט זיכער נישט אנטון די באס פין פון א גאנץ יאר, אפילו ס'איז די זעלבע קאליר, איז דא נאך אינפארמאציע דערויף וואס איז נישט די זעלבע.**

## ונשמרתם מאוד לנפשותיכם

ביטע נישט שיקן אין חדר קיין שום זאך וועלכע ענטהאלט "מילכיג'ס" אדער "ניס" עס איז א סכנה ביטע נישט נעמען דאס פאר לייכט!

## נייעס ליין שער הנגינה

**געווענדליך ווערט די שער הנגינה גע'אפדעיטעד דאנערשטאג ווי די קינדער זינגען די ניגונים וואס ווערט געלערנט מיט זיי.**

**718 407-7460 1/5/6**

**הערט און האט'ס הנאה**

## וויכטיג און מענטשליך

יעצט אין די זומער וואכן ווען עס מאכט זיך זייער אפט אז קינדער פארן אוועק און פעלן פאר א וואך אדער מער. איז זייער ראטזאהם צו מעלדן, סיי פארן באס רבי און סיי פארן מלמד אין חדר, אז מ'וועט נישט זיין דא ביז דעם און יענעם טאג.

## וואס איז היינט געווען אין חדר?

**מיטצוהאלטן** א יעדן טאג וואס הערט זיך אין קינדערגארטן זומער חדר, קענט איר אריין רופן צו דעם נייעס ליין אויף

**718-407-7460 – 1-5**

אזוי אויך וועלן ווערן ארויפגעלייגט די זומער ניגונים פון **חדר ביים שער הנגינה אפטיילונג**

## וויכטיג וויכטיג

**עס איז זייער וויכטיג יעדן טאג אן אויסנאם אז די קינדער זאלן קומען מיט די זומער באס פינ'ס.**

**נעמט דאס נישט פאר לייכט די קינדער ליידן דערפון דאס מערסטע.**

## ברוכים הבאים

מיר ווילן באגריסן די נייע קינדער וואס האבן די וואך אנגעהויבן חדר בשעטומ"צ

**יחיאל ב"ר משה רובינפעלד**

**יוסף לייב ב"ר מרדכי פריעדמאן**

**אפרים ב"ר עקיבא ראזענפעלד**

## גראם פון די וואך

**לחיים לחיים - די נשמה אן עלי', קראנקע א ישועה, אלע אידן א ישועה.**

**די רבי טוט זיך אינטער יאגן, און די סטים געטראגן, צו זיין רבי'ס הויז מיט א וואגן.**

ביי אונז אין חדר אויפ'ן וואנט

לאמיר צייל'ן מיט'ן האנט



## וראה בנים לבניך שלום על ישראל

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב פאר אונזער חשוב'ן געטרייער מנהל ה"ה

**מוה"ר ישעי' יצחק הכהן רובין שליט"א**

לכבוד די געבורט פון זיין אייניקל

א מיידל ביי זיין זון ה"ה האברך המופלג בתוי"ש כש"ת

**מו"ה יחיאל הכהן רובין הי"ו**

חתן הרבני החסיד הנכבד והנעלה ה"ה

הרה"ח מוה"ר יוסף לעווי שליט"א

**למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת**

דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט שטענדיג צוזאמען מיט אייער בני בית זעהן רב תענוג ונחת פון אלע אייערע קינדער און אייניקלעך בניך כשתילי זיתים סביב לשלחניך בבני מזוני וחיי וסייעתא דשמיא, רב הונ"א ורב חסד"א רב חנינ"א ורב חיי"א, מיט פילע השפעות טובות און פרייליכע הערצער מתוך הרחבת הדעת אכי"ר

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים**

## וראה בנים לבניך שלום על ישראל

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב פאר אונזער חשוב'ן איבערגעגעבענער מלמד ה"ה

**הרב מאיר משה שפיטצער שליט"א**

בן הרב אלי' שליט"א חתן הרב אליעזר צבי הכהן כ"ץ שליט"א

לכבוד די געבורט פון זיין אייניקל

א מיידל ביי זיין איידעם האברך המפואר תמים למעלות כש"ת מו"ה אהרן ב"ר שלמה פינחס הכהן שעהנברון הי"ו

**למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת**

דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט שטענדיג צוזאמען מיט אייער בני בית זעהן רב תענוג ונחת פון אלע אייערע קינדער און אייניקלעך בניך כשתילי זיתים סביב לשלחניך בבני מזוני וחיי וסייעתא דשמיא, רב הונ"א ורב חסד"א רב חנינ"א ורב חיי"א, מיט פילע השפעות טובות און פרייליכע הערצער מתוך הרחבת הדעת אכי"ר

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים**

## וראה בנים לבניך שלום על ישראל

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב פאר אונזער חשוב'ן געטרייער סגן מנהל ה"ה

**הרה"ח המפואר מו"ה אליעזר צבי הכהן (הערשל) כ"ץ שליט"א**

לכבוד די געבורט פון זיין אור אייניקל א מיידל

ביי זיין אייניקל מו"ה מו"ה אהרן ב"ר שלמה פינחס הכהן שעהנברון הי"ו

חתן אצל חתנו כבנו האברך הנכבד והמפואר, מוכתר בכל מדה תואר, מחשובי המלמדים כש"ת

מוה"ר מאיר משה שפיטצער שליט"א

למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט שטענדיג צוזאמען מיט אייער בני בית זעהן רב תענוג ונחת פון אלע אייערע קינדער און אייניקלעך בניך כשתילי זיתים סביב לשלחניך בבני מזוני וחיי וסייעתא דשמיא, רב הונ"א ורב חסד"א רב חנינ"א ורב חיי"א, מיט פילע השפעות טובות און פרייליכע הערצער מתוך הרחבת הדעת אכי"ר

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים**

## חזר'ן די א"ב איז זייער א וויכטיגע זאך...

**קינדערגארטן** – במשך דעם גאנצן יאר האט מען אסאך כוחות אריין געלייגט אז די קינדער זאלן זייער גוט לערנען די א"ב. די קינדער האבן מיט געלעבט ביים לערנען די א"ב אלעס מיט חשק און שמחה...

**מיר האבן אהיים געשיקט א שיינע חזרה ביכל** וואס האט א שיינע סדר איבער צו חזר'ן די א"ב אויף א לייכטן פארנעם א יעדן טאג אביסל און זיך פארצייכענען די טעג וואס מ'האט געזאגט די 2 בלעטלעך מיט די א"ב ווילן מיר דערמאנען טייערע עלטערן עס איז וויכטיג אראפ צו נעמען א 5 מינוט א טאג און איבער זאגן די 2 בלעטלעך מיט די א"ב פון דעם טאג.. שטארק וויכטיג אז די קינדער זאלן טייטלן ביים זאגן. דא אין די זומער חדר זאגט מען א יעדן טאג אביסל די א"ב כדי צו האלטן די קינדער מיט די פרישקייט פון לערנען און קענען די א"ב.

**מיר האבן** אויך צוגעשטעלט א א"ב חזרה ביכל אין חדר די זעלבע וואס די קינדער האבן באקומען פאר אינדערהיים אויפן זומער. ווי די מלמדים טוהן א יעדן טאג זיך צו מאכן צייט פאר 10 מינוט א טאג ווען די קינדער נעמען ארויס דעם זומער חזרה א"ב ביכל עס איז אויסגעשטעלט פאר א יעדן טאג אן אנדערע צעטיל מיר מאכן דאס אינטערסאנט איינער זאגט פאר א שורה אדער א טיש זאגט, און אנדערע קינדער ענטפערן... און מען צייכענט ביי די ריכטיגע באקס פונעם טאג, און אזוי טוט מען אויסלערנען די קינדער אז מ'צייכנט אריין א צייכן ביי די פלאץ ווי מ'דארף ווען מ'האט פארענדיגט דעם צעטיל... און אלעס כדי אז די קינדער זאלן דאס קענען און זיין גרייט צו גיין ווייטער מיט די עברי בשעה טובה ומוצלחת..

## יארצייט מעשה פון אונזער הייליגן רבי'ן זיע"א

**ביי מיטאג** הערן מיר זיך אזוי שיין צו ווי **הרב יחזקאל שרגא טייטלבוים שליט"א** האט אונז אזוי שיין פארציילט א מעשה **פון הייליגן רבי'ן זי"ע ועכי"א**. ווי איינמאל איז געווען א איד וואס האט געהאט 4 קינדער און ליידער האט ער פארלוירן 3 פון זיינע קינדער. איז ער אריין צום רבי'ן וויינען אז וואס זאל ער יעצט טוהן, קודם האט איהם די רבי גע'ענטפערט אז ער איז נישט אין הימל און וואס קען ער טוהן, האבן איינע פון די גבאים גע'זאגט פארן רבי'ן אז ער האט יעצט נאר איין אינגל און וואס וועט זיין ער וועט בלייבן אליינס ?? האט איהם די רבי גע'ענטפערט פארוואס זאגסטו אזוי ? ער קען האבן נאך קינדער און פון דעם איינעם זון קען ער האבן נאך און נאך.... די ווערטער פון רבי'ן איז איהם אריין אין די ביינער און ב"ה אזוי איז געווען אז דער איד האט געהאט נאך קינדער און פון דעם איינעם זון האט ער געהאט גאר א גרויסע משפחה זי"ע ועכי"א...

## חכמה'לעך

**שלום** האט פארציילט אז ביי זיין שוועסטער'ס חופה האט זיין מאמע מיט די כלה און די חתן'ס מאמע זיך ארום געדרייט **7 מאל** ארום די חתן...

ווען מען האט אפגעגאסן לעצטע וואך נעגל וואסער פאר **מענדי** און מאמי האט געציילט אז מען גיסט זיך אפ 6 מאל מיט א טעפל, האט ער זיך אנגערופן: אה, נעקסטע וואך גייט מען לערנען די נאמבער 6 ...

מען האט געפרעגט אויב עס גייט זיין היינט קוגל פאר סאפפער, ווייל זיין רבי האט געזאגט אז ווער עס האט נאכנישט געברענגט א מצוה צעטל זאל ברענגען "מארגן נאכן קוגל"...

ווען **מרדכי** האט באקומען א שטיקל טייג פון זיין מאמע ביים מאכן די חלות און די טייג איז שפעיטער געווארן א הארטע שטיקל רופט זיך מרדכי אן די טייג איז געווארן טויט...

**יושע נחמן** האט אונז געזאגט א שיינעם גראם בנוגע די סדרה: אז די בין האט געמאכט די גוים בלינד, און זיי זענען געווארן נישט געזונט.

## מזל טוב ווינקל

ברכת מזל טוב פאר הילד
אלכסנדר יו"ט ליפא בן הרב קלמן אליעזר בנעט נ"ו
לכבוד זיין ברודערס אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב אהרן דוד רובינשטיין שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
בערל ב"ר אלימלך צוויבל נ"ו
לכבוד די געבורט פון זיין שוועסטער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב שלום יונה כ"ץ שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יוסף ב"ר שמואל פריינד נ"ו
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב שלמה יוסף לאנדא שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
ישראל שלום ב"ר יואל חיים צבי קליינבערגער נ"ו
לכבוד זיין מומע איז א כלה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל ארי' מאלח שליט"א
הרב יעקב יוסף פראמאוויטש שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יוסף ב"ר ליפא ב"ר יואל ב"ר אפרים ראזענפעלד נ"ו
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב מרדכי בירנבוים שליט"א
הרב דוד קאהן שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
שמואל יונה ב"ר יצחק גליק נ"ו
לכבוד די געבורט פון זיין שוועסטער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יושע וואלף לייזער שליט"א
הרב זלמן לייב דערבארימדיגער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
משה בן הרב קלמן אליעזר בנעט נ"ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ירמי' סג"ל לעווי שליט"א
הרב אהרן זילבערשטיין שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
חיים ראובן ב"ר אלעזר ב"ר יחיאל קליין נ"ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ירמי' סג"ל לעווי שליט"א
הרב אהרן זילבערשטיין שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יעקב ארי' ב"ר דוב בער פאלאטשעק נ"ו
לכבוד זיין פעטער איז א חתן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א
הרב יצחק אייזיק יאקאבאוויטש שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
ליפא ב"ר יוסף בנימין ווייס נ"ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א
הרב יצחק אייזיק יאקאבאוויטש שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
ליבוש ב"ר שמואל פריינד נ"ו
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א
הרב יצחק אייזיק יאקאבאוויטש שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
משה חיים ב"ר מרדכי ווייסבערגער נ"ו
לכבוד זיין פעטער'ס בר מצוה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א
הרב יצחק אייזיק יאקאבאוויטש שליט"א




## הערליך שיין - פראקטיש - ביליג

שמחות ביי אידן ב"ה. עס איז אונז געלונגען אהער צו שטעלן שיינע **"מזל טוב" פעקלעך** פאר גאר ביליג. דאס טוט באשיינען די אידישע שמחות ב"ה, פילע עלטערן בעלי שמחות זענען שטארק דאנקבאר ווי שיין און ביליג די פעקלעך זענען געווען, מיט די העכסט צופרידענהייט. באזונדערע שיינע דיזיינס לויט די שמחה,
**קרי"ש ליינען – וואכנאכט**, א הערליכע פרינט בעג. **אפשערן** און חדר פירן א הערליכע פרינט בעג,
אזוי אויך ביי סיי וואס פאר א שמחה אז איר ווילט פעקלעך ווי למשל **הכנסת ספר תורה**, אדער **חברת תהלים**,
סיי ווען איר דארפט א **"שיינע מזל טוב פעקעלע"** זענען מיר גרייט אייך דאס צו צושטעלן בעזהשי"ת.

**פאר באשטעלונגען רופט דעם חדר נומ. 2217 # 718-407-7460**




**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד – צו באשטעלן פעקלעך רופט אין אפיס: 6 – 718-407-7460 Ext 1**